
אידישע וועלט פרעזענטירט:
הודאה
ובקשה
מניגוני ר' משולם גרינבערגער

## רוב תודות

**א ספעציעלן דאנק פאר @א שרייבערל** @'masmid'
**וואס האבן ארייגעלייגט א מלאכת מחשבת מתחילה ועד סוף**
**צושטעלן דעם הערליכן סידי זאל זיין א דבר השלם**

**'אידישע וועלט'** שטעלט אייך פאר דעם סידי **'הודאה ובקשה'**,
צאמגעקליבענע ניגונים פונעם וועלט בארומטן חסידישער קאמפאוזער און זינגער

## ר' משולם גרינבערגער הי"ו

וואס זענען ארויס אלץ סינגל'ס דורך משולם און פארשידענע זינגער'ס אין די לעצטע יארן.

מיר האפן איר וועט הנאה האבן.
שמעו ותחי נפשכם.

*נמ"ש - נאר מיט שמחה*

גרעפיקס: @איינס

# הודאה ובקשה

## משולם גרינבערגער

מענדי וויס
אייזיק האניג
ישעי' איליאוויטש
שמעון דאווידאוויטש
צבי זילבערבערג
זאנוויל ווייננבערגער
ישראל ווערדיגער
שימי ראבינאוויטש
הרב שלמה טויסיג
יענקי דאסקאל

**עלינו לשבח** לאדון הכל, **אודה השם** אויף אלע זיינע חסדים עד הנה, און בפרט יעצט **אשירה ואזמרה** לאלוקי, און **אגיל ואשמח בלבבי**, נאך וואס **אהבת עולם** אהבתנו, און ברוב רחמיו האט אונז געשאנקען דעם זכות אהערצושטעלן דעם הערליכן סידי 'הודאה ובקשה', מחי' זיין אידישע קינדער **ישראל המחכים** אויף היימישע הערליכע נגינה, **ובמקהלות** רבבות עמך וואס לעכצן אויף ר' משולם'ס איידעלע גוטע סחורה.

און כאטש וואס **מרחוק** נראה לי, ס'איז נישט אנגעקומען גרינג, עם כל זה האבן מיר געזעהן אז **עוד אביכם חי**, **לעושה נפלאות** גדולות אויף טריט און שריט מיט סייעתא דשמיא **כי מלאכיו** האט ער אונז געשיקט באגלייטןביים אהערשטעלן א דבר השלם בשעטומ"צ.

מיט דעם קומען מיר מיט א **הודאה ובקשה** פארן ציבור, יישר כוח פאר אלע וואס קאמענטירן און געבן פידבעק, דאס האט אונז געברענגט ביז אהער. און פארגעסט נישט אז **אין גדולה**, עס קומט נישט פון זיך אליין, און אמאל ווארט מען אויף גוטע הערות און פידבעק וואס ח**בל על דאבדין**.. **אשרי העם** וואס קאמענטירן אויף די מלאכת הקודש, און אוודאי **אשריכם הצדיקים** וואס יעדנס מאל פון דאסניי קומט מען פידבעק'ן, **חזרה** און נאכאמאל חזרה.. ווייל דאס איז די איינציגסטע זאך וואס שטופט אויף ווייטער, און ברענגט אן אור לי'..

נאך איין זאך: **שמח תשמח** רעים, הערטס און האט הנאה פונעם הערליכן סידי אשר אנחנו נותנים לפניכם, מאכטס **א רקידה'לע** און זייטס בשמחה...

מיט א געבעט **יהי השם** אלוקינו עימנו, **יהי רצון** עס זאל ברענגען דעם ריכטיגן השפעה אויף כלל ישראל, ויעזור ויגן עס זאל משמח זיין אידישע קינדער, און מעורר זיין די לבבות צום אויבערשטן, און **השמיענו בבוקר חסדך**, **ובשירי דוד נהללך** אגאנצן לעבן, מתוך רחמים חסדים, **ותתפרקון** פון אלע צרות און דאגות, און **יקום פורקן** מן שמיא, מ'זאל מיר זוכה זיין צו אלע השפעות און אלעם גוט ביז **לעתיד לבוא ווען משיח וועט קומען**, במהרה בימינו אמן.

1




הַכֹּל הָבוּ גֹדֶל לֵאלֹקֵינוּ וּתְנוּ כָבוֹד לַתּוֹרָה. וְיַעֲזֹר וְיָגֵן וְיוֹשִׁיעַ לְכָל הַחוֹסִים בּוֹ וְנֹאמַר אָמֵן.

(מתוך תפילת שחרית)

זינגער:
**מענדי ווייס**

אראנדזשירער:
**יענקי כהן & יואלי דיקמאן**

קווייער:
**מלכות**

# ויעזור

אלעס. יונג און אלט, טאטעס און קינדער, מענטשן און חיות,ביימער און היימער, בערג און טאלן. אלעס אינאיינעם, דאס גאנצע בריאה: הבו גודל לאלוקינו!

לאמיר אלעג עבן דעי גרויסקייט פאר'ן בורא, און שענקען דעם ריכטיגן כבוד פארן תורה.

און דעמאלטס וועט דאך זיין אזוי גוט, דער באשעפער וועט דאך העלפן, שטיצן און היטן, די אלע וואס שיצן זיך און זיינע ארעמעס, ויעזור ויגן ויושיע לכל החוסים בו ונאמר אמן!

# השמיענו

דרייט זיך דער איד'ל אינעם פינסטערן נאכט, פארצווייפלט און פארטראכט... ער הייבט אויף די אויגן מיט א הייסע תחינה צום בוכ"ע, און ווארט שוין ווען די זוהן מיט איהרע סאלדאטן וועלן אנהייבן אוועקטרייבן דעם פינסטערניש, און מבשר זיין פארן וועלט אז ס'שוין טאג. טאטע זיסער, השמיענו בבוקר חסדך, כי בך בטחתי, נאר דו קענסט מיר העלפן, אוי ווען וועט שוין זיין לעכטיג...

און א טרער לייגט ער צו, נעם מיר ארויס פונעם טונקעלן הייל, הודיענו דרך זו אלך, ווייז מיר, טאטעניו, דעם ריכטיגן וועג אנצוקומען צו דיר, דיר דינען ווי ס'דארף צו זיין. כ'זאל נישט פאלן פון די שווער שטיינער און שטרויכלונגען וואס צושטערן דעם גלאטן וועג.

כי אליך נשאתי נפשי, מיין נפש הייבט זיך אינגאנצן פון מיין זעהל, ער ווערט העכער פון די פחדים און מענטשליכע געדאנקען, און טראכט נאר פון דיר כל יכול, אז דו און נאר דו קענסט מיר העלפן, און וועסט מיר העלפן.

2




זינגער:
**אייזיק האניג**

אראנדזשירער:
**יוסף משה כהנא**

קווייער:
**לחיים**

הַשְׁמִיעֵנִי בַבֹּקֶר חַסְדֶּךָ כִּי בְךָ בָטָחְתִּי הוֹדִיעֵנִי דֶּרֶךְ זוּ אֵלֵךְ כִּי אֵלֶיךָ נָשָׂאתִי נַפְשִׁי.

(תהלים קמג ח)

# עוד אביכם חי

כלל ישראל׳ס האנט איז שוין שוואך און ליידיג, אזלת ידינו, עס שפירט זיך ווי די כוחות לאזן זיך אויס פון דורכטראגן דעם שווערן גלות יאך. תש כוחינו, אונז האמיר נישט די כוחות אויסהאלטן דעם בראך, עס זעהט אויס ווי ס׳עק וועלט. נישטא וואס צו טוהן, נישטא וואו צו אנטלויפן.

און דאן קומט פלוצלינג אן די גוטע בשורה, אידעלעך! עוד אביכם חי!! דער טאטע לעבט. דער בורא כל עולמים לעבט אויף נאך די שכינתא בגלותא יארן.

און איבעראלעם גייען מיר אנערקענען אז עוד אביכם חי, די אלע טונקעלע יארן ווען אונז האמיר איהם נישט געזעהן, האט ער זיך נאר באהאלטן, אבער ער האט געלעבט מיט אונז, מיטגעהאלטן טריט און שריט, געוויינט מיט אונז אינאיינעם, און געהאלפן אדורכשווימען די שווערע כוואליעס.




אָזְלַת יָדֵינוּ וְתַשׁ כֹּחֵנוּ וּבַת קוֹל תְּנַחֲמֵנוּ
עוֹד אֲבִיכֶם חַי
לִבִּי וּבְשָׂרִי יְרַנְּנוּ אֶל קֵל חָי

(הוספת המהר"ם שפירא זצ"ל
לזמר צמאה נפשי לליל שב"ק)

זינגער:
**ישעי׳ אילאוויטש**

אראנדזשירער:
**אברומי בערקא**

קווייער:
**ידידים**

# יהי השם

אונזערע זיידעס און עלטער זיידעס כל הדורות זענען דאך אריבער אזויפיל, ברוחני ובגשמי. וויפל צרות און ביטערע גזירות האבן זיי שוין מיטגעמאכט, פונעם גלות מצרים ביז'ן ביטערן קרוג און אלעס אינדערמיט. וויפל שטיקלעך זענען שוין געפאלן פון די אידישע קינדער דורכאויס אלע יארן, בגוף ובנפש. אומצאליגע בלעטעלעך זענען געפאלן פון בוים און געפלויגן פאשען ביי פרעמדע פעלדער ה"י.

און דאך, זענען אונזערע עלטערן געבליבן שטארק ברוח ובגשם, זיך געהאלטן פעלזן שטארק מיט אמונה און ביטחון, נישט אפגעלאזט דער בורא מיט זיין תורה טראץ די ביטערע ניסיונות. און מ'זעהט בחוש ווי דער באשעפער האט זיי באגלייט טריט און שריט עד היום הזה, און אדאנק דעם באשעפער'ס הילף פאר אונזערע עלטערן זענען מיר היינט דא, ואתם הדבקים בה' אלוקיכם חיים כולכם היום.

בעט מען פאר'ן באשעפער, זיי אויך מיט אונז קינדער, פונקט ווי דו ביסט געווען מיט אונזערע אבות. פאלאזן אונז נישט קיינמאל. העלף אונז זאלן דיר קענען דינען מיט'ן גאנצן הארץ, גיין אין די ריכטיגע וועגן, און היטן די תורה ומצוות.




מקור:

**סידי 'ווען משיח וועט קומען' - סאטמאר'ע נסיעה**

זינגער:

**שמעון דאווידאוויטש**

אראנדזשירער:

**ארי פארקאש**

קווייער:

**מלכות**

יְהִי ה' אֱלֹקֵינוּ עִמָּנוּ כַּאֲשֶׁר הָיָה עִם אֲבֹתֵינוּ אַל יַעַזְבֵנוּ וְאַל יִטְּשֵׁנוּ.

לְהַטּוֹת לְבָבֵנוּ אֵלָיו לָלֶכֶת בְּכָל דְּרָכָיו וְלִשְׁמֹר מִצְוֹתָיו חֻקָּיו וּמִשְׁפָּטָיו.

(מלכים א, ח נז-נח)

# שמח תשמח

וועו א חתן כלה בויען א שטוב למז"ט, שפראצט ארויס די שמחה פון אלע הערצער און פארשפרייטן זיך אין אלע עולמות. אבער דאך שפירט זיך דעם געוואלדיגן חיסרון אז די שמחה איז נישט בשלימות. די עיקר פעלט. די שכינה מיט'ן כנסת ישראל זענען דאך אפגעטיילט... וועו וועט שוין זיין זייער חתונה, וועו וועו זיי בויען א שטוב. די געפילן צושטערן די שלימות השמחה ווי דאס צובראכן גלעזן אונטערן חופה..

בעט מען דעם ריבוש"ע, וועו וועסטו שוין אונז דעפרייען, כשמחך יצירך בגן עדן מקדם. ווי דארט איז די שמחה געווען בשלימות, וועו כביכול אליינס האט זיי אונטערגעפירט און די גאנצע פמליא של מעלה האט זיך מיגעפריידט.

און מ'בעט דער באשעפער זאל אונטערפירן אונזער חתן כלה, און דעמאלטס וועו זיין אלע ברכות ביים נייעם דירה, ווי רש"י זאגט 'זה ברכה לחתן וכלה שיצליחו בשמחה ובטוב לבב'...

5




זינגער:
**צבי זילבערבערג**

אראנזשירער:
**שוע פרייעד**

קווייער:
**שוע פרייעד**

שַׂמֵּחַ תְּשַׂמַּח רֵעִים הָאֲהוּבִים כְּשַׂמֵּחֲךָ יְצִירְךָ בְּגַן עֵדֶן מִקֶּדֶם.

(מתוך שבע ברכות שמחת נישואין)

# יקום פורקן

דער קליינער פרינץ וויל צוגיין צום קעניג בעטן זיינע בקשות, אבער די שרים און קנעכט ארום און ארום צושטערן זיינע פלענער, זיי לאזן נישט דעם קעניג ממלא זיין זיינע פארלאנגען, מיט טענות און מענות אז ער איז דאס נישט ווערד, ס׳קאסט צו זאך.

וואס מאכט דער קינד און אזא פאל, ער שטעלט זיך נעבן קעניג, און ער נעמט זיך רעדן מאמע לשון.. די שפראך וואס נאר די טאטע און קינד פארשטייען, און דאן זאגט ער אין קורצן די ליסט פון זיינע הארציגע בקשות, ער לייגט ארויס די גאנצע פעקל פון זיין הארץ, און פאר ווען די קנעכט ארום כאפן וואס גייט פאר האט ער שוין געקריגט דעם אקעי פונעם טאטן...

דאס איז די געוואלדיגע הייליגע תפילה פון יקום פורקן, ווי מ׳רעדט מיטן באשעפער אין אראמיש, א שפראך וואס די מלאכים פארשטייען נישט, און קענען נישט ח״ו מקטרג זיין. און אויך נישט מקנא זיין אויף די אייגנארטיגע שפראך ציווישן אונז אידעלעך מיטן טאטן, א זאך וואס זיי האבן נישט...

און דא רעכנט מען אויס די גאנצע ליסטע, פורקן: די גאולה.. חינא חיסדא רחמי וכו׳... אלס וואס א אידיש הארץ וואונטשט זיך... ונאמר אמן.

6

מקור:

שמחת נישואין
בחצה"ק
דושינסקיא

זינגער:
**משולם גרינבערגער**

מוזיק:
**יואלי מארקאוויטש**

קווייער:
**דושינסקיא קאפעלע**

יְקוּם פּוּרְקָן מִן שְׁמַיָּא חִנָּא וְחִסְדָּא
וְרַחֲמֵי וְחַיֵּי אֲרִיכֵי וּמְזוֹנֵי רְוִיחֵי וְסִיַּעְתָּא
דִשְׁמַיָּא וּבַרְיוּת גּוּפָא וּנְהוֹרָא מַעַלְיָא
זַרְעָא חַיָּא וְקַיָּמָא זַרְעָא דִּי לָא יִפְסוק
וְדִי לָא יִבְטוּל מִפִּתְגָּמֵי אוֹרַיְתָא לְמָרָנָן
וְרַבָּנָן חֲבוּרָתָא קַדִּישָׁתָא

לְכָל קְהָלָא קַדִּישָׁא הָדֵין מַלְכָּא דְעָלְמָא
יְבָרֵךְ יַתְכוֹן יַפִּישׁ חַיֵּיכוֹן וְיַסְגֵּא יוֹמֵיכוֹן
וְיִתֵּן אַרְכָא לִשְׁנֵיכוֹן.

מָרָן דִּי בִשְׁמַיָּא יְהֵא בְסַעְדְּכוֹן כָּל זְמַן
וְעִדָּן וְנֹאמַר אָמֵן

לְכָל קְהָלָא קַדִּישָׁא הָדֵין וְנֹאמַר אָמֵן.

(מתוך תפילת שחרית לשב"ק)

# א רקידה'לע

אונז אידן ווייסן דעם געוואלדיגן ענין פון דינען דעם באשעפער מתוך שמחה. מ'דאווענט, בשמחה. מ'לערנט, נאר מיט שמחה.. יעדן ריר און ריר איז מיט א פרישקייט און שמחה, וואס דאס ווייזט ארויס אונזער ליבשאפט צום באשעפער, אז מיר פרייען זיך מיטן איהם דינען, און מיר זענען נישט געצוואונגען דערצו.

און ס'נישט אזוי שווער צו ווערן בשמחה. מ'טראכט נאר א טראפ'עלע ווי גוט דער באשעפער איז צו אונז. כי טוב ה' לעולם חסדו, און ווי ער האט אונז באגלייט בכל דור ודור אמונתו.. ווערט גלייך דער עבדו את ה' בשמחה, און מ'כאפט א רקידה'לע...

אידעלעך, מאכט'ס א לחיים.. כאפט א טענצעלע, הייבט זיך מיט א רקידה'לע.. ווייל נאר מיט שמחה תצאון פון אלע צרות אמן..

7




מקור:
סינגעל פונעם סידי 'לחיים שמחה טיש' - ר' י"מ כהנא.

עִבְדוּ אֶת ה' בְּשִׂמְחָה בֹּאוּ לְפָנָיו בִּרְנָנָה.
הוֹדוּ לוֹ בָּרְכוּ שְׁמוֹ כִּי טוֹב ה' לְעוֹלָם חַסְדּוֹ וְעַד דֹּר וָדֹר אֱמוּנָתוֹ. (תהילים ק')

לחיים, לחיים, ידידים ורעים,
לחיים, לחיים, אבינו שבשמים,
טאנץ טאנץ טאנץ א רקידה'לע,
זיי נאר פריילעך אידעלע,
ווייל בשמחה, כי בשמחה תצאון,
/ארויס פון גלות, פון אלע צרות, כהרף עין.

זינגער:
**זאנוויל וויינבערגער**

ילד הפלא:
**יודי רוזנבלום**

אראנדזשירער:
**חיים הארטמאן**

קווייער:
**מלכות**

# מרחוק

טאטע איך ווייס אז דו ביסט נאנט צו מיר אזוי, אוי.. פון בענקשאפט א טרערלע רינט... איי איי איי.. א ניגון וואס זינגט מער ווי טויזנט ווערטער...

אפי׳ מרחוק ה׳ נראה לי. כאטש ס׳קען זיך דאכטן אז דער באשעפער איז ווייט פן מיר. ער טראכט נישט פון מיר. פארוואס זאל ער דען קלערן פון מיר, קליינטשיגער נארישער אידעלע, נאך וואס כ׳האב זיך אזוי דערווייטערט פון איהם.

אבער כ׳ווייס אז אהבת עולם אהבתיך, כמים הפנים לפנים, דער באשעפער שטייט נעבן מיר און נעמט מיר ארום מיט א אויסנאמע ליבשאפט, ווי א טאטע צו זיין בן יחיד, קיין חילוק וואס כ׳בין און ווי כ׳קוק אויס... ער זעהט און שפירט אלעס וואס כ׳גיי אריבער. ער האלט מיט אלעס וואס איך מאך מיט. ווייל איך ווייס און שפיר, אז דו ביסט נאנט צו מיר אזוי...

8



זינגער:
**ישראל ווערדיגער**

ילד הפלא:
**יוסי ווייס**

מוזיק:
**מאטי מיללער**

(אראנדזשירער אויפן סידי: צבי בלומענפעלד)

קווייער:
**ידידים**

מֵרָחוֹק ה׳ נִרְאָה לִי וְאַהֲבַת עוֹלָם אֲהַבְתִּיךְ עַל כֵּן מְשַׁכְתִּיךְ חָסֶד.
(ירמיהו לא ב)

טאטע אפילו איך שפיר זיך ווייט פון דיר, אוי אוי אוי,

ווייס איך אז דו ביסט נאנט צו מיר אזוי, אוי אוי אוי.

מיט ליבשאפט ווי אן איינציג קינד, פון בענקשאפט א טרערעלע רינט,

וְאַהֲבַת עוֹלָם, אַהֲבַת עוֹלָם אֲהַבְתִּיךְ.

# הודאה ובקשה

וועו מ'שטעלט זיך שמו"ע פארן טאטן אין הימל, מ'וויל זיך אויסגיסן די הארץ, ווייסט מען אז די ערטשע זאך און די לעצטע זאך איז דאנקען.. מיטן דאנק עפנט זיך די שאנק: אלע טויערן, און מ'קען בעטן וואס מ'וויל.

וועו מ'זינגט הלל פארן בורא, דאנקט מען און לויבט מען איהם, הודו לה' כי טוב! און דאן וועו די שערים ווערן אפן ברייט קען מען זיך אויסבעטן און שרייען 'אנא ה' הושיעה נא'.

און מ'בעט פאר'ן בורא, חסדי ה', באווייז מיר דיינע חסדים, אזכיר תהילות ה', כ'זאל דיר ווייטער קענען דאנקען נאך און נאך, כעל כל אשר גמלנו ה'.

9




חַסְדֵי ה' אַזְכִּיר תְּהִלֹּת ה' כְּעַל כֹּל אֲשֶׁר גְּמָלָנוּ ה'
(ישעי-ה סג ז)

א הודאה איפן עבר ובקשה על העתיד

אשר עשית עמדי ואשר אתה עתיד

איך לויב און דאנק און בעט איך זאל לויבן דאנקען שטענדיג

אזכיר תהילות ה'

אֲשֶׁר גְּמָלָם כְּרַחֲמָיו וּכְרֹב חֲסָדָיו. (שם)

זינגער:
**שימי ראבינאוויטש**

אראנדזשירער:
**יענקי כהן**

קווייער:
**יענקי כהן**

# יהי רצון

די וועלט איז פול מיט טאלאנט, יעדער מענטש פארמאגט זיין אייגנארטיגע טאלאנט וואס ער געבט צו פארן וועלט'ל. יעדער האט זיין פליכט וואס אין דעם איז ער געלונגען און מיט דעם איז איהם באשערט זיך פלאגן אויפן וועלט...

בעטן מיר פונעם בורא א הייסע תפילה, אונזער אומנות, אונזער טאלאנט, זאל זיין אין דיין הייליגע תורה. מיר זאלן זיך פלאגן אין די הוויות אביי ורבא, און דארט זאלן מיר באווייזן אונזער טאלאנט. מ'זאל זיך נישט דארפן שעמען פאר אונזערע אבות, פאר אונזערע עלטערן, און פאר אונז אליין...

די תפילה בעט מען ביים מסיים זיין א מסכתא, און מ'לייגט צו א הייסע תפילה אז אלע תנאים און אמוראים, רש"י הק' און אלע ראשונים, וואס האבן מיטגעהאלטן ווי מ'לערנט זייערע מימראות, זיי האבן געשעפשעט זייערע ליפן מיט שמחה און פרייד, זאלן זיי ווייטער שעפשען פאר אונז א הייסע תפילה, און שטיין פאר אונז בזה ובבא מיט אלע ישועות.

10




מקור:

**סידי 'תורה בתפארתה' סיום הש"ס עוז והדר**

יְהִי רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ ה' אֱלֹקֵינוּ וֵאלֹקֵי אֲבוֹתֵינוּ שֶׁתְּהֵא תוֹרָתְךָ אֻמָּנוּתֵנוּ... וְאַל יִדְוֶה לִבֵּנוּ וְאַל יֶחְשְׁכוּ עֵינֵנוּ

שֶׁתְּהֵא תוֹרָתְךָ אֻמָּנוּתֵנוּ בָּעוֹלָם הַזֶּה וּתְהֵא עִמָּנוּ לָעוֹלָם הַבָּא.

וּזְכוּת כָּל הַתַּנָּאִים וְאָמוֹרָאִים וְתַלְמִידֵי חֲכָמִים יַעֲמוֹד לִי וּלְזַרְעִי שֶׁלֹּא תָמוּשׁ הַתּוֹרָה מִפִּי וּמִפִּי זַרְעִי וְזֶרַע זַרְעִי עַד עוֹלָם.

(מתוך נוסח לסיום מסכת, ותפילות אחר שמו"ע)

זינגער:
**משולם גרינבערגער**

ילד הפלא:
**אליהו הלוי הארוויץ**

אראנדזשירער:
**מונה ראזנבלום**

קווייער:
**מונה**

# אין גדולה

ווען איינער מאכט נעבעך מיט, רעדט מען זיך אויס מיט'ן גרויסן באשעפער, באווייינט זיין שווער'ן מצב, און בעט דעם באשעפער זאל איהם ראטעווען פון זיינע גרויסע צרות

זאגן צדיקים, אידעלע טראכט נאר אריין, אנשטאט זאלסט'עך אויסוויינען פארן באשעפער און איהם פארציילן ווי גרויס זענען דיינע צרות, טראכט אריין מיט וועם רעדסטו, דו שמועסט זיך דאך אויס מיט'ן רחמנות'יגן פאטער, וואס איז נישטא א רחמנות ווי זיינס, ער איז דאך דער אב הרחמים, דער שפיץ פון רחמנות. און ער קען דאך אלעס טוהן, נישטא ווי זיין גרויסקייט.

נו, פארצייל נאר פאר דיינע צרות איבער דעם גרויסן באשעפער, וואס האט רחמנות אויף אונז אן א שיעור, און קען אונז ארויסנעמען פון יעדן שווערן מצב... וועסטו אפשר איינזעהן אז דיינע צרות זענען נישט אזוי גרויס.. און דאס אליין וועט ברענגען דיין ישועה.

11




אין גדולה כגדולתך אין רחמים כרחמנותך, זאג נישט פארן באשעפער ווי גרויס דיינע צרות איז, זאג פאר דיינע צרות ווי גרויס דער באשעפער איז.

(מתוך שיר היחוד לליל יום כיפור)

זינגער:
**הרב שלמה טויסיג**

ארקאנדזשירער:
**רולי אזרחי**

קווייער:
**Tenor Studio Choir**

קינדער קווייער:
**מוישי קרויס - אידיש נחת**

12




מקור:
סיום
הש"ס
דרשו
תשע"ה

# ובמקהלות

יעדער איד, אין וועלעכען מצב ער געפינט זיך נאר, איז מחוייב צו לויבן דעם בוכ"ע. נישט נאר די מלאכים אין הימל זאגן שירה, און אפי' נישט נאר בפי ישרים ובשפתי צדיקים... נאר ובמקהלות רבבות עמך.. די פשוט'ע עמך אידן... מיט זייער לויב און געזאנג באשיינט מען דעם גרויסן בורא, און פון אונזערע הודאה ווערט א קרוין פארן באשעפער, און זיין נאמען ווערט מקודש איפן וועלט.

ווייל דאס איז אונזער פליכט, לויבן און דאנקען נאכאמאל און נאכאמאל, אין אלע לשונות של הודאה, עד שיבלו שפתותינו מלזמר די.

וּבְמַקְהֲלוֹת רִבְבוֹת עַמְּךָ בֵּית יִשְׂרָאֵל בְּרִנָּה יִתְפָּאַר שִׁמְךָ מַלְכֵּנוּ בְּכָל דּוֹר וָדוֹר שֶׁכֵּן חוֹבַת כָּל הַיְצוּרִים לְפָנֶיךָ ה' אֱלֹקֵינוּ וֵאלֹקֵי אֲבוֹתֵינוּ לְהוֹדוֹת לְהַלֵּל לְשַׁבֵּחַ לְפָאֵר לְרוֹמֵם לְהַדֵּר וּלְנַצֵּחַ לְבָרֵךְ לְעַלֵּה וּלְקַלֵּס עַל כָּל דִּבְרֵי שִׁירוֹת וְתִשְׁבָּחוֹת דָּוִד בֶּן יִשַׁי עַבְדְּךָ מְשִׁיחֶךָ:

(מתוך תפילת נשמת)

אראנדזשירער:
**מוישי רוט- המנגנים**

קווייער:
**מלכות**

קינדער קווייער:
**מלכות קינדער**

# אגיל ואשמח

שמחת תורה איפן וועלט. כלל ישראל פרייdט זיך מיטן הייליגן תורה. ב"ה אריבער נאך א יאר וואס מ'האט יעדן וואך געליינט אינעם תורה, א יאר וואס כלל ישראל איז ווידער געווארן איינס מיטן תורה, און דערמיט געווארן חד מיט'ן קודשא בריך הוא.

די שמחה אין דעם גרויסן טאג קען מען נישט באשרייבן, כי היא לנו עוז ואורה. מ'טאנצט און מ'שפרינגט איפן געאוולדיגן זכיה אז דער איבערשטער האט אונז אויסגעוועהלט צו זיין זיין פאלק, און לערנען דעם הייליגן תורה.

און דאס זעלביגע שפירט מען בשעת א הכנסת ספר תורה, ווען מ'ברענגט אריין נאך א תורה אין בית מדרש, און מ'ווייזט ארויס די שמחה אז לא תשכח מפי זרעו, ב"ה אין אונזער דור שרייבט מען און מ'לערנט אינעם זעלבן תורה וואס משה רבינו האט באקומען פונעם ריבוש"ע. זאת התורה לא תהא מוחלפת.

13

מקור:

סיום 'זכרו' תשע"ו אין אמעריקא

זינגער:

משולם

אראנדזשירער:

מוישי אויסטערליץ

קווייער:

משולם

אָגִיל וְאֶשְׂמַח בְּשִׂמְחַת תּוֹרָה...
אַשְׁרֵיכֶם יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר בָּחַר בָּכֶם
קֵל וְהִנְחִילְכֶם הַתּוֹרָה...

נָגִיל וְנָשִׂישׂ בְּזֹאת הַתּוֹרָה כִּי הִיא
לָנוּ עֹז וְאוֹרָה.

(מתוך פיוטי זמירות לשמחת תורה)

14



מוזיק:
**אברומי בערקא**
(אראנדזשירער אויפן סידי: מונה)

קלארינעט:
**אברהם בלטי**

קווייער:
**שירה**

מקור:
**'נודה לך'**
**מתיקות 2,**
**ר' יי"מ כהנא**

# נעימה

א שיינע מוזיקאלישע נעימה, לעריבות האוזן.

אינטרעסאנט צו אנמערקן אז 'לכאו' האט דאס ר' משולם געמאכט גאר יונג, דאס ליגט דאך אויפ'ן זעלבן אלבום פון זיין ערטשע ניגון 'נודה לך'.. די מוזיקאלישע שטערן האט אויפגעשיינט גאנץ פריה..




# אשירה ואזמרה

כל זמן שהנשמה בקרבי מודה אני.. און מיט דעם אליינס וואס איך עקזיסטיר, דאס אליינס ווי כ'זעה אויס, דער 'בעודי' אליין זינגט פארן בורא שירה, כל עצמותי תאמרנה ה' מי כמוך. עס שרייט ארויס די חסדים וואס דער באשעפער האט געמאכט מיט אונז מעודי.

ווייל אן איהם וואלט מען גארנישט געקענט, עד היום האט ער אונז אנעכאפט ביים האנט און אינטערגעהאלטן, און געשאנקען לעבן מיטן געוואליגע חסדים, ועל הכל אנחנו מודים לך.

זינגער:
**יענקי דאסקאל**

אראנזשירער:
**בענצי שטיין**

קווייער:
**איציק פילמער**

אשירה ואזמרה לאלוקי בעודי, האלוקים הרועה אותי מעודי.

עד היום הזה החזקת בידי, חיים וחסד עשית עמדי.

ברוך ה' וברוך שם כבודו.

(מתוך שיר הייחוד)

# ישראל המחכים
## – אן מוזיק

שוין אריבער כמעט צוויי טויזנט יאר אינעם ביטערן גלות, און נאכאלץ וואס ווילן מיר, וואס איז אונזער איינציגסטע שטרעבן: צמאה נפשי אל קל חי, מתי אבוא ואראה פני אלוקים.

כאטש מיר לעבן אינעם עולם השפע, ס'דא פון אלעם גוטן אשר לא ראו אבותינו.. די גשמיות היינט צוטאגס איז אויפ'ן העכסטן סטאנדארט, יעדן טאג קומט פרישע זאכן. עם כל זה אחכה לו בכל יום שיבא, די אידעלע טרעפט זיך נישט זיין ארט.

ווייל מ'וויל שוין זיין מיטן קעניג אליין אין אונזער פאלאץ, מ'וויל שוין זיצן אויפן טאטנ'ס שויס. אין לנו חפץ טוב בעולם אלא אתה. אך לאלוקים דומו נפשי.

אין דעם חשכות'דיגן גלות, זעהט מען די תשוקה פון כלל ישראל צו דינען דעם בורא, און דאס וועט אוודאי ברענגען אז מיר זאלן בקרוב טאקע שוין זוכה זיין צום גאולה השלימה בב"א.

16

זינגער:
**משולם**

ילד הפלא:
**שמילי לאנדא**

קווייער:
**ידידים**

קינדער קווייער:
**מוישי קרויס – אידיש נחת**

דער קעניג שרייבט פון ווייטן,
מיין טייער קינד אפאר ווערטער פון דיין טאטן,
איך שרייב צו דיר,
דו ביסט אזוי טייער ביי מיר,
איך וויל דיר געבן וואס דו ווילסט,
א-יעדע זאך.

איך שיק דיר אוצרות פול,
פנינים יקרים מבית המלוכה אן א גבול,
גאלד און געלט
אלעס וואס דיר געפעלט,
בעט נאר וואס די ווילסט, באקומסטו גלייך.

ענטפערט די קינד; אין לנו חפץ טוב בעולם אלא אתה,
נאר צו דיר מיר בענקן טאטע
מיט ליבשאפט בכל שעתא ושעתא,
דערנענטער זיך שוין צו אונז מעתה.
נאר צו דיר מיר בענקען טאטע,
שרייען מיר פון וועג די ווייטע,
ווייל אין לנו חפץ טוב אלא אתה.

יִשְׂרָאֵל הַמְחַכִּים לִישׁוּעַת הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בְּכָל יוֹם וְאוֹמְרִים אֵין לָנוּ חֵפֶץ טוֹב בָּעוֹלָם אֶלָּא אַתָּה.
מָשְׁכֵנִי אַחֲרֶיךָ נָּרוּצָה הֱבִיאַנִי הַמֶּלֶךְ חֲדָרָיו נָגִילָה וְנִשְׂמְחָה בָּךְ (מדרש שיר השירים א' ד')

(מילים: משולם גרינבערגער עפ"י המדרש)

# הודאה ובקשה

מניגוני ר'
משולם
גרינבערגער

אידישע וועלט פרעזענטירט:

1. ויעזור
2. השמיענו
3. עוד אביכם חי
4. יהי השם
5. שמח תשמח
6. יקום פורקן
7. א רקידה'לע
8. מרחוק
9. הודאה ובקשה
10. יהי רצון
11. אין גדולה
12. ובמקהלות.
13. אגיל ואשמח
14. נעימה
15. אשירה ואזמרה
16. ישראל המחכים - אן מוזיק